**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/6/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט צווייטע רונדע געווינער פון דער #VAXANDWIN פוטבאָל סוויפסטעיקס אין שותפות מיט ניו יארק׳ס פראפעסיאנעלע פוטבאָל טיעמס

***פרייזעס רעכענען אריין געים טיקעטס, ספעציעלע אין-געים עקספיריענסעס, אונטערגעשריבענע געצייג, און נאך פון די באפעלאו בילס, ניו יארק דזשייענטס, און ניו יארק דזשעטס;***

***אלע ניו יארקער וואס באקומען זייער ערשטער קאוויד-19 וואקסין צווישן סעפטעמבער 9 ביז אקטאבער 24 זענען בארעכטיגט; עלטערן און גארדיענס קענען אריינשטעלן קינדער אין עלטער פון 12 ביז 17 יאר***

***נאך דריי גורלות וועלן געהאלטן ווערן לויט דער גורל סקעדזשיול צו געפונען [דא](); בארעכטיגטע ניו יארקערס קענען זיך איינשרייבן אין די סוויפסטעיקס [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די צווייטע רונדע געווינער פון ניו יארק סטעיט׳ס #VaxandWin פוטבאָל סוויפסטעיקס — א נייע אינצענטיוו פראגראם אויסגעשטעלט צו דערמוטיגן אומוואקסינירטע ניו יארקערס זיך צו וואקסינירן אין שותפות מיט ניו יארק׳ס פראפעסיאנעלע פוטבאָל טיעמס. די פרייזעס פאר געווינער רעכענען אריין געים טיקעטס, ספעציעלע אין-געים עקספיריענסעס, סטאדיום טורס, אונטערגעשריבענע געצייג, פעיסטיים קאָלס מיט אַלומנע שפילער, און נאך פון די באפעלאו בילס, ניו יארק דזשייענטס, און ניו יארק דזשעטס. ניו יארק סטעיט וועט אדמיניסטרירן דער ראנדאמאלער ציאונג און נייע געווינער וועלן ווערן אויסגעקליבן יעדע וואך אין לויף פון פינף וואכן. נאך דריי ציאונגען וועלן פארקומען נאך דער וואך.

אלע ניו יארקער וואס באקומען זייער ערשטע קאוויד-19 וואקסין דאזע סעפטעמבער 9, 2021 ביז אקטאבער 24, 2021 זענען בארעכטיגט. עלטערן און גארדיענס קענען איינשרייבן ניו יארקער סקול קינדער אין עלטער פון 12 ביז 17 יאר דא. אלס טייל פון די באמיאונגען האט דער סטעיט אויף איינגעפירט אן אינטעגרירטע מידיע קאמפיין מיט יעדע טיעם, אריינגערעכנט וואקסין דערמוטיגונג ווידעאוס און ראדיא סעגמענטן מיט אַלומנע שפילער וועלכע האבן אליין באקומען דעם קאוויד-19 וואקסין.

"ניו יארק קען געווינען אויב שפילן מיר אלע אינאיינעם," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דאס מיינט ניצן נייע און המצאה׳דיגע מעכאניזמס צו פארזיכערן אז אלע בארעכטיגטע ניו יארקער ווערן וואקסינירט קעגן קאוויד-19. אונזער #VaxandWin פוטבאָל סוויפסטעיקס העלפט דערמוטיגן ניו יארקערס אין יעדן עלטער זיך צו וואקסינירן, כדי מיר זאלן קענען אלע זיך אומקערן צו די ארבעט, סקול, און פוטבאָל — מיר טוען עס זיכערערהייט. קאנגראטולאציעס צו אונזערע צווייטע רונדע געווינער, און מיר דאנקען אייך פאר׳ן טון אייער חלק אין באשיצן זיך און אייער קאמיוניטי. איך דאנק ניו יארק׳ס פראפעסיאנעלע

פוטבאָל טיעמס פאר׳ן מיטארבעטן מיט אונז אויף צו דערמוטיגן אלע בארעכטיגטע ניו יארקער זיך צו וואקסינירן."

**די צווייטע-רונדער געווינער זענען:**

באפעלאו ביל פרייזעס:
- קריסטי מארא, ערי קאונטי
- קעניאטא פול סינגלטערי, מאנראו קאונטי
- מעטיו אינגעלס, אלעגאני קאונטי
- פיניקס וויליאמס, פוטנעם קאונטי
- ריטשערד ליה, מאנראו קאונטי
- קריסטיען באעטקער, ערי קאונטי
- טשעד קאוואליק, דזשענעסי קאונטי

ניו יארק דזשייענטס פרייז:
- מארקא טערענטינא, ריטשמאנד קאונטי

ניו יארק דזשעטס פרייזעס:
- אלעקס בענוועניסטע, וועסטשעסטער קאונטי
- מייקל דיעטס, סטעטען איילענד
- עמילי סווינדען, אולסטער קאונטי
- סערע הוד, דעלעווער קאונטי
- טרעיסי מעיערס, נעסאו קאונטי

דער ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט האט באשטעטיגט די וואקסינאציע סטאטוס פון די געווינער.

ניו יארקערס קענען באזוכן vaccines.gov, טעקסט׳ן זייער זיפ קאוד צו 438829, אדער רופן -1-800 232-0233 צו געפונען א דערנעבנדער וואקסין לאקאציע און זיך נאך היינט וואקסינירן קעגן קאוויד-19.

אויף איסצוגעפונען מער אינפארמאציע וועגן ניו יארק סטעיט׳ס #VaxandWin פוטבאָל סוויפסטעיקס, קענען פאראינטערעסירטע ניו יארקערס באזוכן דעם וועבזייטל דא און בארעכטיגטע ניו יארקער קענען זיך איינשרייבן אין די סוויפסטעיקס דא.

אויף איסצוגעפונען מער וועגן דעם קאוויד-19 וואקסין בנוגע סקול קינדער קענען ניו יארקער באזוכן אונזער געווידמעטע וועבזייטל ny.gov/vaxtoschool אדער נאכפאלגן @VaccinateNY אויף אינסטעגרעם.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן